ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"ו
האזינו - שבת שובה
שנת תשפ"ז לפ"ק


ה' לא) עס האט דערציילט

## כ"ק אדמו"ר משינאווא זלה"ה

### מ'דארף 'זיך' אליין פארקוקן...

עס איז געווען אמאל פאר די הייליגע טעג איז אריינגעקומען **צו כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה איינער פון די חשוב'ע רבנים, וועלכער פלעגט דאווענען פארן עמוד אין די הייליגע טעג ביי זיך אין ביהמ"ד, און בתוה"ד האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז עס זענען דא אסאך טירדות אין די טעג "כ'דארף זיך נאך פארקוקן דעם מחזור".

זאגט אים דער רבי בנועם שפתיו **"דער מחזור איז די זעלבע ווי פאראיאר, עס האט זיך גארנישט געטוישט, נאר, מ'דארף 'זיך' פארקוקן"...**

ה' לב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א משב"ק

### א טעימה פאר תשליך

**כ"ק מרן רביה"ק הדברי יואל** זלה"ה האט אפגעראכטן זיין עבודת הקודש ביום **'שלש עשרה מדות'** מיטן זאגן גאנץ תהלים, קריאת פרשיות הקרבנות און מנחה, דערנאך איז ער געגאנגען צו תשליך.

איז געווען אינטערעסאנט אז א יעדעס יאר נאך מנחה איז שוין געווען גאר שפעט נאנט צו מעריב, איז דער רבי צום ערשט אהיים און עפעס טועם געווען, און דערנאך איז ער געגאנגען צו תשליך, וואס האט זיך שוין אריין געצויגן אין די נאכט פון ערב יום הקדוש.

מ'האט געזאגט, אז וויבאלד לויט כמה שיטות איז ליל ערב יום הקדוש שוין א מצוה צו עסן, האט ער נישט געוואלט אריינגיין אינעם טאג **'ערב יום הקדוש'** ווען ער איז שרוי בתענית, דעריבער האט ער עפעס געגעסן פאר תשליך וואס איז געווען ממש סוף טאג.

ה' לג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א ר"מ בישיבה"ק – מח"ס ימים ידברו

### זאגן תחנון שלש עשרה מידות

דער רבי **כ"ק מרן רבינו הברך משה** זלה"ה פלעגט זייער אכטונג געבן אז מ'זאל אלעמאל זאגן תחנון, אויסער ווען עס איז געווען א סיבה עפ"י הלכה נישט צו זאגן תחנון.

עס איז געווען איינמאל שלש עשרה מדות, דער רבי האט געדאווענט שחרית אין בית המדרש ביי זיך אין שטוב, און ער איז צוגעגאנגען צום עמוד לרגל די יארצייט פון זקינו **הגה"ק רבי אלעזר ניסן** זללה"ה **מדראהאביטש**, און דער רבי האט געזאגט תחנון, וואס איז ביי אלעמען געווען א וואונדער.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי געזאגט פאר די בחורים פארוואס ער האט געזאגט תחנון, האט ער דערציילט א מעשה.

" איך האב געהערט פון רבי אברהם שוחט (ווערצבערגער ז"ל), אז ער איז אמאל געווען מיט'ן **פעטער זכרונו לברכה**, אויף אן אסיפת הרבנים אין דעעש. דער פעטער האט געוואלט אז די אסיפה זאל האבן א שטארקן כח פון עלטערע רבנים, צדיקים, האט ער געבעטן אז מען זאל פארן קיין נאסאד און איינלאדענען דעם **נאסאדער רב** ז"ל צו די אסיפה.

רבי אברהם איז געפארן קיין נאסאד, און ער איז אנגעקומען אינמיטן דאווענען. דער נאסאדער רב האט געדאווענט פאר'ן עמוד, היות עס איז געווען ו' טבת, די יארצייט פון הייליגן **שינאווער רב** ז"ל, און דער נאסאדער רב האט געזאגט תחנון, וואס איז ביי ר' אברהם געווען א גרויסן וואונדער אז דער נאסאדער רב, אזא גרויסער שינאווער חסיד, זאל זאגן תחנון אין זיין רבינ'ס יארצייט.

פלוצלונג איז דער נאסאדער רב אוועק געגאנגען פון עמוד, ער איז צוגעקומען צו ר' אברהם, און ער זאגט אים, "דו זאלסט דיך נישט וואונדערן אויף דעם וואס איך האב געזאגט תחנון, ווייל דער שינאווער רב ז"ל איז מסתמא נסתלק געווארן פון די עוונות הדור, נישט 'מסתמא', נאר 'אוודאי', ממילא האב איך געזאגט תחנון".

האט דער רבי אויסגעפירט **"אזוי האב איך אויך יעצט געטראכט, עס איז טאקע דעם זיידנ'ס יארצייט, אבער עס איז דאך שלש עשרה מדות, אזא גרויסער טאג פון תשובה דארף מען זאגן תחנון".**

ה לד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' ישראל פאלקאוויטש הי"ו

### מ'וועט ווייטער מאכן אן המוציא...

איך האב געלערנט אין די סאטמארער תלמוד תורה אויף דער איסט-סייד, אונזער חדר איז דעמאלטס געווען אין ביהמ"ד 'חרדים'. מיין מלמד איז געווען א חשוב'ער איד, א תלמיד חכם און א גרויסער ירא שמים.

איינמאל אין חדר האט ער דערציילט פאר די קינדער - מיר זענען געווען קליינע דריי און א האלב יעריגע קינדער - אז ווען משיח וועט קומען, זאגט די גמרא זאגט ס'וועט וואקסן 'קיילעטשליך' (ברויטלעך) אויף דיביימער.

האב איך געפרעגט: "וואס א ברכה וועט מען מאכן? אז ס'וועט וואקסן אויף די ביימער, וועט מען מאכן א 'בורא פרי העץ', אדער וועט מען מאכן א 'המוציא'?!".

האט ער געענטפערט "מ'טאר נישט פרעגן קיין קשיות אויף ווען משיח וועט קומען"..

ווען איך בין אהיימגעקומען, איז אונזער פעטער ר' בערל אמסעל ע"ה געווען דעמאלטס ביי אונז אין שטוב, און ער האט מיך געפרעגט "וואס האט דער רבי געלערנט אין חדר?". האב איך אים דערציילט די מעשה. ס'איז אים זייער געפאלן.

דער פעטער ר' בערל איז געווען מיט'ן רבי'ן זייער נאנט, ווייל זיי האבן געלערנט צוזאמען אין חדר, זיי זענען געווען אין איין עלטער ממש, געבוירן אין זעלבן יאר, זאגט ער מיר "איך וועל דיך טראגן צו א רבי'ן וואס ווייסט בעסער, און דו זאלסט איהם פרעגן די קשיא.

ער האט מיך אריינגעטראגן קיין וויליאמסבורג, ער האט מיך אריינגעברענגט צום רבי'ן אין שטוב, און ער זאגט מיר פרעג "דעם" רבי'ן...

איך מיט מיין קינדערישע תמימות האב פארציילט אז מיין רבי האט געזאגט אז "ווען משיח וועט קומען וועלן וואקסן קיילעטשליך אויף די ביימער, האב איך אים געפרעגט וואס א ברכה מ'וועט מאכן, המוציא צי בורא פרי העץ?!"...

דעם רבי'ן איז דאס זייער געפאלן, און ער האט מיך ליבליך געענטפערט ס'שטייט (כתובות קי"א) **"עתידה האר"ץ להוציא גלוסקאות". שטייט נישט אז ס'וועט וואקסן אויף די ביימער, נאר 'הארץ', ממילא וועט מען ווייטער קענען מאכן 'המוציא'.**

ה' לה) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' נחום הלוי מאשקאוויטש ע"ה

### דבש וחלב תחת לשונך (ב')

(המשך המעשה פון גליון תתקנ"ה) בחסדי השם, האב איך זוכה געווען צו זען אז דאס וואס דער **רבי** ז"ל האט מיך צוריק אהיימגעשיקט תיכף נאך יום טוב, איז געווען בכוונה תחילה צו ראטעווען דאס לעבן פון מיין טאכטער תחי' עמו"ש.

אבער איך האב געהאט נאך א ברכה פונעם רבי'ן.

דער רבי האט מיר מבטיח געווען אז איך וועל האבן הצלחה אין פרנסה אויך - עפעס וואס איז געווען כנגד הטבע לויטן מצב אין ארץ ישראל - אבער ברכות צדיק עשו רושם, און דאס האט אויפגעטון אז מאותו היום והלאה האב איך שוין מער נישט געהאט קיין דאגת הפרנסה.

כ'וועל דערציילן עטליכע אינטערעסאנטע פרטים, וויאזוי איך האב געזעהן ווי ברכות צדיק עשו רושם.

א. ארום צוויי וואכן נאכדעם וואס איך בין אהיימגעקומען קיין ארץ ישראל, האב איך באקומען אפגעשיקט פונעם רבינ'ס שטוב אלע הוצאות הדרך וואס האט מיר געקאסט דאס פארן היין און צוריק. אינמיטן די נאכט איז געקומען א איד בשליחות פונעם רבי'ן, אז דער רבי וויל אפצאלן אלע שפעזן וואס האט מיר געקאסט, ווייל דער רבי האט מיר אהיימגעשיקט כנגד רצוני.


נתנדב לעילו נשמת הרה"ח רבי משה דוד ב"ר יחזקאל משולם (טעללער) ע"ה • היארצייט י"א תשרי

ב. צוויי וואכן נאכדעם וואס איך בין אהיים געקומען, האט פאסירט אן אינטערעסאנטע מעשה.

איינער פון מיינע יונגלעך (הגאון הגדול רבי יואל צבי שליט"א דומ"צ טאהש, מח"ס בית נאמן בישראל) איז אהיימגעקומען שבת נאכמיטאג נאכ'ן ארומשפילן אין די גאס, מיט צוויי שטיקלעך גלאז אין די הענט. אין די ערשטע מינוט האט מיין אידענע געזאגט אז ער זאל עס אוועקווארפן. אבער נאך א בליק האבן מיר געזען אז ס'איז געווען צוויי גרויסע דיאמאנטן.

מיר האבן געלייגט דריי חדשים א צעטל אין אלע בתי מדרשים. קיינער האט זיך נישט געמאלדן. די צוויי שטיקלעך 'גלאז' האט מיר געברענגט גענוג אויף צו קענען חתונה מאכן א טאכטער.

ג. איך האב נאך געהאט אין טאש עטליכע הונדערט דאלאר פון דאס געלט וואס איך האב באקומען אין אמעריקע. בין איך צוגעגאנגען צו מיין בעה"ב וואו איך האב געארבעט ביי די שחיטה, און איך האב אים געזאגט "איך פארדין דא 600 פונט א חודש, פון דעם קען איך נישט לעבן און איך קען נישט דא ווייטער ארבעטן". ער האט חוזק געמאכט פון מיר "א איד ווי דו קען נישט טון עפעס אנדערש, קיין עושר קענסטו סייווי נישט ווערן"...

אן אריינגיין אין אריכות, בין איך געגאנגען צום רב המכשיר, דער רב פון בני-ברק, **הגאון הרב לאנדא** ז"ל, און איך האב אים אויך געזאגט אז איך קען נישט ממשיך זיין ביי די ארבעט פאר דעם פרייז. נאך עטליכע וואכן האב איך זיך אפגעזאגט פון מיין ארבעט ביי די שחיטה.

מעשה שהי', דעם ערשטן טאג וואס איך בין נישט געקומען צו די ארבעט, איז שוין דער בעה"ב געקומען צו לויפן מיר זוכן, און געזאגט אז דער רב האט נישט געקענט טרעפן קיין צווייטן מענטש אויף דיין ארט, און ער האט מיר גראד געהעכערט דאס געהאלט אויף א גרעסערן אופן.

א צייט דערויף האב איך מצליח געווען ביי די שחיטה אין תל-אביב צו אויפטון גרויסע פעולות אין כשרות, און דאס האט מיר אויך געהאלפן זייער שטארק אין די פרנסה.

כהנה וכהנה קען איך דערציילן וויאזוי דער רבש"ע האט געפירט, אז איך האב מצליח געווען אין מיינע געשעפטן, און ב"ה געזען הצלחה און געהאט פרנסה. איך האב אלעמאל געשפירט אז דעם רבי'נס ברכה באגלייט מיך. איך בין געווען אין אמעריקע עטליכע מאל אינצווישן, און אלעמאל נאכאמאל גענומען די ברכה פונעם רבי'ן.

איינמאל האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן "רבי, איך האב ב"ה מצליח געווען אזוי ווי דער רבי האט מיר געוואונטשן. אבער איך האב היינט פיר בחורים, זיי האלטן פארן מ'זאל זיי רופן אין מיליטער, וואס זאל איך טון?" האט מיר דער רבי געזאגט בלש"ק **"אז דו וועסט קומען קיין אמעריקע, וועסטו האבן מער הצלחה."**

ווי נאר דער רבי האט געזאגט די ווערטער, האב איך געפאקט פעק, און איך בין געקומען קיין אמעריקע. די ווערטער האט מיר דער רבי געזאגט אין די ימים טובים, אין חודש תשרי. אויף חנוכה האב איך שוין געהאט אלע פאפירן ערלעדיגט, און איין טאג נאך שבועות בין איך שוין געווען אין אמעריקע.

דא אין אמעריקע האב איך אפגעקויפט א 'קענדי סטאר' אויף לי עוו. דער רבי האט מיר געזאגט **"אז דו פארשטייסט דאס געשעפט, נעם עס"**. אזוי ווי דאס איז געווען ענליך צו די געשעפט וואס איך האב געהאט אין ארץ ישראל, האב איך עס גענומען, און ווי דער רבי האט מיר מייעץ געווען, האב איך דאס געעפענט דינסטאג בעפאר די דריי וואכן.

אזויפיל קען איך זאגן, איך האב ב"ה געהאט הצלחה, איך האב חתונה געמאכט אלע מיינע קינדער, און איך בין נישט געווארן קיין בעל חוב.

מ'דארף נעמען אין באטראכט אז ווען די קינדער זענען געווען קליין, בין איך געווען אין אזא שפל המצב אז איך האב זיי נישט געקענט געבן קיין ברויט אין שטוב צו עסן. עד כדי כך, אז איך בין גרייט געווען איבערלאזן די שטוב אויפן גאנצן ווינטער צו קענען ברענגען פרנסה. אבער ווי נאר איך בין אהיימגעפארן פון אמעריקע מיט'ן רבי'נס ברכה, האט זיך אלעס איבערגעדרייט לטובה, און ב"ה איך האב מצליח געווען אלע יארן ווייטער, אלעס בכוחו ובזכותו של אותו זקן.

(אגב, ווילן מיר צוגעבן א מורא'דיגע מעשה צום חלק הסיפור פון די פארגאנגענע וואך (גליון תתקנ"ה, אות ח' כ"ט).

מיט צוויי יאר צוריק איז געווען אין וויליאמסבורג א היימישע אידישע מיידל וואס האט געליטן אויף די זעלבע מחלה, דער ושט איז געווארן זייער געשוואלן, און דער מצב איז געווען זייער מסוכן, און די דאקטוירים האבן נאר געוואלט אפערירן אויף א מסוכנ'דיגן אופן.

דער זיידע פון דאס קינד האט געוואוסט פון די מעשה פון רבי נחום, איז ער אריבער געקומען אין שפיטאל און ער האט פארציילט די מעשה פאר'ן חולה ווי אזוי מכח ברכתו פונעם הייליגן רבי'ן איז א קינד געהיילט געווארן. און ער האט מתפלל געווען אז די מעשה זאל משפיע זיין רפואות וישועות ונחמות.

וראה זה פלא, געציילטע מינוטן דערויף האט די חולה אנגעהויבן צו ברעכן, זי האט אויסגעשפיגן דאס גאנצע אנגעזאמעלטע אייטער און די אינפעקציע. און דאס האלז איז געווארן אויסגערייניגט לגמרי פון די מחלה, עס האט נישט אויסגעפעלט קיין אפעראציע, און זי איז אהיים געגאנגען געזונטערהייט. אלעס בזכות פון פארציילן א מעשה פון א צדיק אמת.

(ויה"ר אז די מעשה זאל ווייטער ביישטיין, און פועל'ן רפואות וישועות, ובפרט פאר'ן אייניקל האשה החשובה **צפורה אסתר בת מרים פערל** לרפואה שלימה).

ח' לו) מען דערציילט אויף אונזער עלטער זיידע
**כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה**

## ולא תתורו אחרי עיניכם!

עס דערציילט אונז דער בעל העובדא:

בשנת תשמ"א לפ"ק, האט מיין ב"ב תחי' אנגעהויבן צו ליידן פון פארשידענע פחדים ה"י, איך בין דאן אריבער אויף די דעמאלטסדיגע אכסניא פון **מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה** אין קרית יואל, בבית הרה"ח ר' יצחק יאקאב ע"ה אויף קענעדי קט. און מזכיר געווען.

דער רבי גיט א בליק אויף מיר, און ער זאגט מיר שארף "דו קוקסט וואו מ'טאר נישט!".

דער רבי פרעגט מיך נאכאמאל "זאג מיר, וואס קוקסטו?!".

איך האב בלית ברירה מודה געווען אז איך האב נסיונות ביי די ארבעט, איך איך פאל דורך מיטן קוקן טעלעוויזשאן.

דער רבי האט זיך פארקלאפט די הענט מיט וויטאג "אוי ווי, דו ווייסט אז דער פעטער זכרונו לברכה האט געזאגט אויף די מענטשן וואס קוקן אויף די טמא'נע כלי **"ווי זענען פאר די אויגן וואס האבן געזעהן אויגן וואס האבן געקוקט טעלעוויזשאן", איך טאר נישט קוקן אויף דיר אויך נישט"**...

איר קענט זיך פארשטעלן ווי אזוי איך האב געשפירט אין יענע מינוטן.

דערויף זאגט מיר דער רבי "זאג מיר צו אז מהיום והלאה וועסטו מער נישט קוקן קיין טעלעוויזשאן"...

איך האב מבטיח געווען, און מיין ב"ב תחי' האט תיכף געהאט א ישועה.

ח' לז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק'

## סבלנות איז א יסוד אין אידישקייט

עס האט מיר דערציילט דער הויז-בחור וועלכער האט באגלייט **הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זלה"ה** גייענדיג אמאל אויפן גאס. און עס איז געווען דער לעמפל 'רויט' אז מ'קען נישט אריבערגיין די גאס, אבער היות עס זענען נישט געקומען קיין קארס, האט דער בחור געזאגט 'מ'קען גיין'.

זאגט אים רבי יענקעלע "דו ווייסט דאך דעם אמת אז עס איז קעגן דעם געזעץ אריבער צו גיין די גאס, און אמאל איז עס אויך א סכנה, און אמאל איז דאס אויך א חילול השם ווען א גוי זעהט אז מיר גייען אריבער ווען מ'טאר נישט, און אמאל זעהן דאס יונגע קינדער וואס לערנען זיך דערפון אז מ'דארף נישט אכטונג געבן".

"נאר פארוואס טועהן דאס מענטשן, און מ'גייט אריבער ווען מ'מעג נישט? ווייל זיי האבן נישט קיין סבלנות".

האט רבי יענקעלע ממשיך געווען: **"לאמיר דיר זאגן, סבלנות איז א יסוד אין אידישקייט, צו מיר קומען אריין אסאך מענטשן מיט פראבלעמען מיט שלום בית, מיט כיבוד אב ואם, מיט זייערע שותפים ביי די ארבעט, אלעס נעמט זיך פון איין יסוד, זיי האבן נישט די מידה פון סבלנות, און איך ארבעט מיט זיי צו לערנען די מידה פון סבלנות, צו קענען דערהייבן, צו קענען ווארטן, ביז מ'זעהט תוצאות".**

"ווי קען זיין אז איך זאל אריבערגיין די גאס עטליכע סעקונדעס פריער, ווייל איך האב נישט קיין סבלנות צו ווארטן... מילא, צי עס קומט יא א קאר, צי נישט, איז מיר וויכטיגער צו ארבעטן אויף מיין סבלנות, און מיר וועלן אריבערגיין די גאס ווען דער לעמפל וועט זיך טוישן".

**גמר חתימה טובה שנת גאולה וישועה לכל בית ישראל**

**שנת: ת'ספרו פ'לאי ש'יחות ז'קניך.**

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**